קול דודי
לעבן מיטן אייבערשטן

0722 531 385

# יחודא

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת תזריע תשפ"ד / גליון פ"ד

**הלימוד היומי בספרי חסידות**

**לשבוע הבעל"ט**
**ספה"ק מאור עינים** (לך)

| יום | מד"ה |
|---|---|
| ראשון | והנה אברהם אבינו |
| שני | וזהו ויאמר ה' |
| שלישי | מאמר חדש! ואת הנפש |
| רביעי | אך להבין ענין הציוי |
| חמישי | וזהו כל עיקר עבודתינו עד ד"ה והנה אברהם |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס
ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

**מערכת "קול דודי"**
א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן
אין אמעריקע
**605.313.6695**
אין אירופה
**033.0551.7811**
ספעציעלע נייעס! יעדן טאג פון חודש ניסן
**א געשמאקן פארברענג**
פון חשוב'ע משפיעים, אין נומער 9

## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# 'יסורים' - דיין רע גייט אויס

## די יסורים זעלבסט זענען שוין א חלק פונעם 'תיקון', וואס דער גוטער טאטע וואשט מיר ארום און רייניגט מיר אפ פון אלע שמוץ, כדי ער זאל מיר קענען דערנענטערן צו זיך

יעדער איינער פון אונז האט פון מאל צו מאל א מצב וועלכע איז אומבא'טעמ'ט - שיין גערעדט... אין לשון קודש רופט זיך דאס 'יסורים'. יעדער מיט זיינע שוועריקייטן, פראבלעמען, דאגות, צרות און ביטערע סיטואציעס.

פארוואס טאקע ליידט א מענטש יסורים? זאגן די הייליגע חז"ל: "אין יסורים בלא עוון" - נישטא קיין ליידן אן קיין זינד וועלכע האט דאס געברענגט. אבער דאס אליינס קען מען אפלערנען אויף צוויי וועגן:

איין וועג דאס אפצולערנען איז, אז דער גאנצער מהות פון די יסורים, איז איין שטיק עונש! דו האסט נעכטן געזינדיגט, און היינט באצאלסטו דערפאר! אבער ווען א מענטש קוקט דערויף מיט אזא סארט בליק, טרעפט ער נישט קיין סאך וויאזוי צו דינען דעם אויבערשטן מיט די יסורים זעלבסט, און אודאי ווערט נישט נתגלה דא אין די יסורים דעם אויבערשטנ'ס כבוד. פארקערט, די יסורים ברענגען ארויס די 'הסתרה' וואס איז דא אין דער וועלט. אודאי וועט דער מיטגעמאכטער איד שנעל צוריק לויפן צום ריכטיגן וועג - נישט וועלנדיג כאפן נאך פעטש, און אודאי האט דער אויבערשטער א נחת רוח דערפון, אבער מען קען נישט זאגן אז דא האט זיך אפגעשפילט א מעמד פון כבוד ה'.

עס איז אבער פארהאן נאך א וועג וויאזוי אנצוקוקן די יסורים, און דאס איז דער חסיד'ישער הסתכלות: די יסורים זענען נישט בלויז א שטראף און א פאטש פאר דער נעכטיגער עבירה, נאר די יסורים זעלבסט זענען שוין א חלק פונעם 'תיקון'! דער גוטער טאטע וואשט מיר יעצט ארום מיט ווארעם וואסער וועלכע רייניגן מיר אפ פון אלע שמוץ, כדי ער זאל מיר קענען דערנענטערן נאך נענטער צו אים! און ווען מיר האבן אט די קלארקייט און אנערקענונג - איז דעם אויבערשטנ'ס נחת רוח פיל מער, ווייל דעמאלט זענען די יסורים זעלבסט אויך מגלה דעם אויבערשטנ'ס כבוד!

## יסורים - אויפהייבן מיינע חלקי הנשמה

דער 'תולדות' אין אונזער פרשה פרעגט: די תרי"ג מצוות זענען דאך דער רצון פון א נצחיות'דיגער באשעפער - וואס אויך 'יעצט' וויל ער דאס, נו אויב אזוי, מוז זיין אז יעדע מצוה האט צוטון מיט יעדן מענטש אין יעדן צייט. טא, וואס איז נוגע היינטיגע צייטן דער גאנצער ענין פון א 'מצורע' וועלכער האט באקומען קרעץ, און ער ווערט טמא און טהור?

ענטפערט דער תולדות: דער ענין פון 'נגעים', דאס איז די גאנצע עבודה פון יסורים. און דא ברענגט ער ארויס א נייער בליק אויף דער מהות פון יסורים און עונשים: **דער עונש איז דא געקומען, צוריקצוברענגען דיינע 'ניצוצות' צום אויבערשטן!**

**אביסל הסבר:** די עבודה פון יעדן איד אויף דער וועלט איז, צוזאמצונעמען די אלע חלקים-ניצוצות פון זיין געטליכע נשמה - וועלכע זענען צוזייט און צושפרייט אין דער גאנצער וועלט, איבעראל אין אלע ערטער, חפצים, און מצבים, וואס האבן צוטון מיט זיין שורש נשמה - און עס ארויפטראגן צום אויבערשטן. די דאזיגע פונקען פון געטליכקייט, געפונען זיך אין דער באהעלטעניש, און דער פליכט פון יעדע נשמה איז, אראפצונעמען פון זיי דעם צודעק וועלכע באהאלט זיי, און אנטפלעקן אז עס איז נישטא דא גארנישט עפעס אנדערש - אויסער דער אויבערשטער אליינס, און דורכדעם ווערן זיי צוריק אריינגעשלעפט ווי א מאגנעט צו זייער הויכן מקור.

> **אודאי וועט דער מיטגעמאכטער איד שנעל צוריק לויפן צום ריכטיגן וועג - נישט וועלנדיג כאפן נאך פעטש, אבער מען קען נישט זאגן אז דא האט זיך אפגעשפילט א מעמד פון כבוד ה'**

דעריבער טרעפט זיך א איד אין אלערליי סיטואציעס, פלעצער און ציאונגען אין דער וועלט, וואס אין יעדע אזא מצב, ליגט באהאלטן נאך א געטליכער ניצוץ פון זיין נשמה - וועלכעווארט אז ער זאל איר ארויפטראגן צום אויבערשטן. אין דער הייליגער לשון פונעם תולדות: **"וְהָאָדָם צָרִיךְ לְהַעֲלוֹת נִצוֹצֵי נִשְׁמָתוֹ הֵן ע"י אֲכִילָתוֹ אוֹ תּוֹרָתוֹ וּתְפִלָּתוֹ, עַד שֶׁיְּבָרֵר כָּל נִצוֹצָיו שֶׁלּוֹ - אֲשֶׁר זֶה הוּא תַּכְלִית בְּרִיאַת הָאָדָם וְסוֹד מִסְפַּר יָמָיו, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'וּמִדַּת יָמַי מַה הִיא', כִּי כְּמוֹ שֶׁצָּרִיךְ לְתַקֵּן וּלְהַעֲלוֹת הַנִּצוֹצִין בְּמִסְפַּר הַיָּמִים, כַּךְ נִתַּן לוֹ שְׁנֵי חַיָּיו".**

עס איז אבער פארהאן אזעלכע ניצוצות, וואס זיי זענען נישט אזוי אומשולדיג אראפגעווארפן דא אויף דער וועלט, נאר מיר זענען די וועלכע האבן עס אריינגעווארפן אין תהום אריין - דורך אונזערע עבירות. אט די ניצוצות זענען שוין שווערער אויפצוהייבן, ווייל זיי געפונען זיך אין אזעלכע נידריגע פלעצער. נו אויב אזוי, וואס טוט מען? וויאזוי הייבט מען זיי אויף און מען טראגט זיי צוריק צו זייער שורש? אויף דעם איז פארהאן א וועג וועלכע רופט זיך 'יסורים'. דאס הייסט, דער 'ניצוץ' ווערט פארמירט און ברענגט זיך ארויס אויף א צורה פון א שוועריקייט.

אין אנדערע ווערטער: ווען מיר באגעגענען זיך מיט א צרה אדער א דאגה, איז דאס פשוט א געטליכער ניצוץ פון אונזער נשמה - וועלכע שרייט און בעט זיך פאר הילף! און ווען דער מענטש גיבט זיך א כאפ, און ער טוט תשובה - הייבט ער אויף דעם ניצוץ און טראגט עס צוריק צום אויבערשטן! און אויטאמאטיש וועלן פלוצלינג אוועקגיין אלע זיינע יסורים, וויבאלד דער 'רע' קען נישט לעבן - אן קיין געטליכער ניצוץ, און יעצט איז דאך דער ניצוץ ארויפגעגאנגען צום שורש, דעריבער שטארבט גלייך דער רע אפ, נישט האבנדיג קיין חיות. **דאס הייסט:** נישט בלויז דער מענטש האט תשובה געטון דורך די יסורים, נאר אויך האט ער אויסגעלייזט און צוריקגעקערט דעם געטליכן ניצוץ צו זיין שורש, און ער האט מגלה געווען דעם אויבערשטן אין די יסורים זעלבסט.

## כנגע נראה - לי

אין זיין הייליג לשון:

**"רָצָה לוֹמַר כִּי הָעֲוֹנוֹת שֶׁל הָאָדָם הֵן הַמְּיַסְּרִים אֶת הָאָדָם עַצְמוֹ, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב 'וּתְמוֹגְגֵנוּ בְּיַד עֲוֹנֵנוּ' וְגוֹ'. וּפְעָמִים שֶׁעַל יְדֵי עֲוֹנֹתָיו נִבְרָא אָדָם לְהָצֵר לוֹ עַד שֶׁנִּפְרַע עַל עֲוֹנֹתָיו, וְאָז מוֹצִיא הַנִּצוֹצִין מֵאָדָם הַמֵּצֵר לוֹ, וְאָז אֵין לוֹ שׁוּם חִיּוּת לְזֶה הַמֵּצֵר וּמֵת וּבָטֵל מֵהָעוֹלָם, אַחַר שֶׁעָשָׂה שְׁלִיחוּתוֹ. וּפְעָמִים שֶׁיּוֹרְדִין נִצוֹצֵי נִשְׁמָתוֹ עַל יְדֵי פְּגַם עֲוֹנֹתָיו בְּדוֹמֵם, כְּמוֹ בַּבַּיִת, שֶׁאָדָם שֶׁפָּגַם הוּא הַדָּר בְּבַיִת זֶה לְהָצֵר לוֹ, עַל יְדֵי נִצוֹצֵי נִשְׁמָתוֹ שֶׁיֵּשׁ בְּעֵצִים וַאֲבָנִים וְחֹמֶר שֶׁטַּח הַבַּיִת מִנִּצוֹצֵי נִשְׁמָתוֹ שֶׁיָּרְדוּ שָׁם, עַד שֶׁהָאָדָם שָׁם בַּבַּיִת שָׁב בִּתְשׁוּבָה, וְהֶחֱזִיר וְהֶעֱלָה נִצוֹצֵי נִשְׁמָתוֹ אֶל שָׁרְשָׁן, מִן הַדּוֹמֵם אֶל בְּחִינַת הָאָדָם חַי מְדַבֵּר. וְזֶה נִקְרָא תְּשׁוּבָה - שֶׁשָּׁב אֶל מְקוֹרוֹ, כִּי הַכֹּל הוּא נִצוֹצֵי הַשְּׁכִינָה, בְּסוֹד 'מַלְכוּתוֹ בַּכֹּל מָשָׁלָה', שֶׁקָּשְׁרָהּ וְדִבְקָהּ לְשָׁרְשָׁהּ אֶל חַיֵּי הַחַיִּים".**

# אן אייגענע 'יציאת מצרים'

## וואס האט 'יציאת מצרים' מיט מיר? • די טיפערע משמעות פון יציאת מצרים • וויאזוי גייט מען ארויס פון די אייגענע מצרים?

**אברהם יצחק:** מיר האלטן שוין אינמיטן די ימי ניסן, אזעלכע געהויבענע טעג! פארשטייט זיך אז אלס חסיד'ישער בחור ווייס איך אז יעדעס יאר איז דא א פרישע 'יציאת מצרים', ווי חז"ל זאגן אין פסחים "חייב אדם לראות את עצמו כאילו הוא יצא ממצרים", אבער כ'וויל וויסן, וואס מאכט מיר עס אויס אין מיין פריוואטע לעבן? וויאזוי קען איך זיך אליינס 'טרעפן' דערין?

**משפיע:** עס איז זייער א ברייטע נושא, אבער לאמיר רעדן איבער דעם יסוד הדברים. האסטו אמאל געהערט פון דעם מושג 'עולם שנה נפש'? ס'ווערט געברענגט אין ספר יצירה וואס אברהם אבינו האט געשריבן, וואס כאטש דער ספר איז עמוק מי ימצאנו, אבער פארט קען מען פארשטיין לויט אונזער דרגה דעם יסוד אז יעדע זאך וואס איז דא אין 'עולם', איז אויך דא אין 'שנה' און 'נפש'.

> יעדן טאג דערלאנגסטו די מכות פאר פרעה! ווען דו קלארסט אויס אז ס'איז נישטא קיין מציאות אויסער אים אליין - דאס איז די שטערקסטע 'מכה' פאר אלע רוחניות'דיגע קליפות מצרים

לאמיר עס בעסער מסביר זיין: 'עולם' מיינט 'פלאץ', דאס הייסט, די הימל, ערד, ארץ ישראל, חוץ לארץ, ס'איז דא ימים, טרוקעניש אא"וו - דאס אלץ זענען 'מקומות' וואס גייען אריין אין כלל פון 'עולם'. קומט אונז אברהם אבינו אנטפלעקן אז אלעס וואס דו זעסט אויף דער וועלט, איז אויך פארהאן אין 'שנה' - 'צייט', וואס דאס מיינט אז ס'איז דא הייליגע 'טעג' ענליך צו הייליגע 'מקומות'; ס'איז דא מער נידריגע טעג, פונקט ווי ס'איז דא ארץ העמים; ס'איז דא מער מיושב'דיגע טעג אזויווי די באוואוינטע מקומות אין 'עולם'; ס'איז דא צייטן ווען מ'האט נישט קיין ישוב הדעת, פונקט ווי אין 'מקום' איז דא מדבריות; און ס'איז דא פארהוילענע זמנים, אזויווי ימים וואס זענען פארדעקט, אא"וו.

אלץ וואס שפילט זיך אפ אין 'עולם' און 'שנה', טוט זיך אויך אפ אין 'נפש' ביי יעדן נפש באזונדער, און ס'געבט זיך ארויס מיט דעם אז ס'איז דא הייליגערע נפשות און מער נידריגע נפשות אא"וו, אזוי אויך אין פארהאן די אלע מדריגות אין יעדער נפש זעלבסט.

## ווער איז אין מיצרים...?

**אברהם יצחק:** ...וואס האט דאס אלעס מיט יציאת מצרים?

**משפיע:** ווייל נאר מיט דעם קען מען ארויסהאבן די משמעות פון יעדן איינעמ'ס פרטית'דיגע 'יציאת מצרים'. ביז יעצט זענען מיר געווען געוואוינט צו טראכטן אז ס'איז דא אן 'ארט' וואס הייסט מצרים, וואס טויזנטער יאר צוריק האט דארט געוואוינט א רשע מרושע, 'פרעה' האט ער געהייסן, און ער פלעגט פייניגן זיינע אידישע אונטערטאנען... און סך הכל דערציילט מען דא א היבש אויסגעלאפענע געשיכטע... אבער נאכן פארשטיין אז פונקט ווי ס'איז דא א 'מצרים' אין 'עולם', זענען אויך דא נפשות וואס זענען 'מצרים'דיגע' נפשות, דערצו האט יעדער נפש בפרטית זיין 'מצרים' און אויך א חלק קדושה וואס הייסט 'ישראל', און די חלק קדושה איז פארקנעכטעט אונטער די רוחניות'דיגע 'פרעה' און 'מצרים', און ס'איז העכסט צייט אים צו באפרייען פון דארט... די גאנצע מעשה טוט זיך אפ ביי מיר אין נפש, ביי דיר און ביי יעדן איינעם.

**אברהם יצחק:** כ'האב נישט געכאפט, כ'האב דא געהערט צופיל נייע מושגים... וואס איז מצרים? וואס מיינט א 'רוחניות'דיגע שעבוד' אונטער א 'רוחניות'ידיגער פרעה'? וואס הייסט? ס'איז נישט געווען קיין ממשות'דיגע יציאת מצרים, גאולה פון גלות און קנעכטשאפט?

**משפיע:** זיכער איז אזוי געווען! אבער דער אמת'ער באדייט אויך פון די דעמאלטסדיגע יציאת מצרים, איז נישט בלויז געווען צו פארלאזן דאס לאנד וואס הייסט 'מצרים', נאר דערביי איז מען ארויס פון די אייגענע 'מְצָרִים'. 'מיצר' מיינט א גבול, באגרעניצט. בימים ההם איז די גאנצע תכלית הבריאה געווען 'באגרעניצט', ווייל דער תכלית הבריאה וואס איז אייגנטליך תורה און כלל ישראל, זענען נאכנישט נתגלה געווארן. זעקס הונדערט טויזנט אותיות התורה און זעקס הונדערט טויזנט נשמות ישראל זענען געווען אין 'מצרים', באגרעניצט. ווען באמת איז די תכלית הבריאה אז ס'זאל נתגלה ווערן אז די וועלט באשטייט נאר פון גילוי כבודו ית' דורכדעם וואס כלל ישראל זענען מקבל און מקיים די תורה, און אט דער גילוי איז געווען פארהוילן און פארקנעכטעט.

די קליפה וואס האט געהערשט און נישט צוגעלאזט דעם אמת'ן תכלית הבריאה זאל ארויסשיינען, איז 'פרעה', ער איז די קליפה וואס לייקנט אין דעם גאנצן אמת'ן מציאות. פרעה האט דערקלערט "לי יאורי ואני עשיתני" (יחזקאל כט, ג), ער האט גע'טענה'ט אז די וועלט ארבעט דורך טבע, די וועלט האט נישט קיין תכלית און אז השי"ת ווערט חלילה נישט נתגלה דערין. דעריבער פלעגן די מצריים דינען דאס שעפעלע אלס אפגאט, ווייל 'טלה' איז דער ראש המזלות און מיט דעם האט פרעה געוואלט ארויסברענגען זיין שטעלונג אז דער תכלית העולם איז צו שעצן און זיך 'בוקן' צום עולם הטבע, וואס היות די מזלות קאנטראלירן די נאטור, דארף מען זיך בוקן צו זיי.

דער מציאות דאס איז דער גלות זעלבסט. ווילאנג נשמות ישראל האבן זיך געפינען אין דעם טבע הגשמי, איז דאס זיי געווען אן אומדערטרעגליכער און ביטערער מציאות, ווייל דער אמת'ער מציאות פון א איד איז פונקט דאס פארקערטע! א איד איז געשיקט געווארן צו דעם עולם כדי צו מגלה זיין מציאות ה', מבטל זיין אלע כוחות הטבע וואס ווערן אנגערופן 'עבודת כוכבים ומזלות', און מגלה זיין מציאותו ית'.

# חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

דער 'תולדות' איז ווייטער מסביר די פסוקים:

"וּבָזֶה יוּבַן 'וּבָא אֲשֶׁר לוֹ הַבַּיִת', כִּי בַּיִת זֶה הוּא שַׁיָּךְ לוֹ דַּוְקָא, שֶׁנִּצוֹצֵי נִשְׁמָתוֹ שָׁמָּה, אֲשֶׁר ע"י פְּגַם עֲוֹנֹתָיו יָרְדוּ נִצוֹצֵי הַשְּׁכִינָה מִן מַדְרֵגַת חַי מְדַבֵּר אֶל מַדְרֵגַת דּוֹמֵם, וְעַל יְדֵי הַצָּרוֹת אֲשֶׁר עָבְרוּ עָלָיו בַּבַּיִת לְיַסְּרוֹ - 'וְשָׁב וְהִגִּיד לַכֹּהֵן' - שֶׁהֶחְזִיר הָאוֹר נִצוֹצֵי הַשְּׁכִינָה שֶׁהִיא חֵלֶק נִשְׁמָתוֹ אֶל שָׁרְשׁוֹ... וְזֶהוּ שֶׁאָמַר לְכֹהֵן 'כְּנֶגַע נִרְאָה לִי', רוֹצֶה לוֹמַר, כְּמוֹ הַנֶּגַע שֶׁנִּרְאָה לִי בְּעַצְמִי, בִּפְגַם נִשְׁמָתִי, הוּא בַּבַּיִת שֶׁלִּי כנ"ל. וְעַל יְדֵי חֲזָרַת הָאוֹר לְשָׁרְשׁוֹ שֶׁהוּא הַכֹּהֵן - נִרְפָּא הַנֶּגַע... כִּי חַיּוּתוֹ הוּא מֵחֲמַת עֲוֹן הַחוֹטֵא, וְאַחַר שֶׁקִּבֵּל עָנְשׁוֹ וְשָׁב בִּתְשׁוּבָה, נִבְרָר הַטּוֹב מִן הָרַע וְנִשְׁאַר רַק רַע בְּלִי חֵלֶק הַטּוֹב שֶׁהָיָה חַיּוּתוֹ".

## דער ניצוץ דאס ביסטו

וואס מיינט דאס פאר אונז אויף למעשה? אז ווען מיר ליידן יסורים, ליגט דא א געטליכער ניצוץ וואס מיר האבן אריינגעווארפן אין גלות אריין. די יסורים זענען נישט בלויז אן 'עונש', נאר דאס איז א וועג וויאזוי אויפצוהייבן אונזערע ניצוצות פון גלות. דעריבער דארפן מיר טון א צוויי פאכיגע ארבעט: צוריקקומען צום אויבערשטן, אבער אויך אנערקענען, אז די יסורים זעלבסט איז דער אור ה', און אזוי וועט דער ניצוץ צוריקגיין צו זיין מקור.

**וועט איינער פרעגן:** פון וועמען רעדט מען דא? איך בין עפעס אין א דרגא פון זיין פארנומען מיט 'ניצוצות'? איך האלט דען ביי דער דרגא פון וועלן בלויז מאכן פארן אויבערשטן א 'דירה בתחתונים'?

**וועט מען אים ענטפערן:** דער דגוש אינעם 'תולדות' א גאנצן צייט (און דער יסוד קומט פונעם בעש"ט; ווי באקאנט איז, אז דער 'ניצוץ' - דאס ביסטו! מען רעדט פון דיין אייגענע נשמה! מען רעדט נישט יעצט, פון אויפהייבן פרעמדע זאכן, נאר פשוט אז דו זאלסט דיך אויפהייבן צום אויבערשטן, וואס דו ביסט נישט מער ווי א געטליכער פונק! און אויף דעם, האבן מיר שוין עדות'שאפטן פון צדיקים, וועלכע האבן עדות געזאגט אויף אונז (עיין תניא ספמ"א), אז מיר אלע קענען זוכה זיין צו דער פשוט'ער דרגא פון 'וועלן זיין צוגעבינדן צום אויבערשטן'. און אפילו אויב ער איז נאכנישט אין דער דרגא פון וועלן בלויז דעם 'יחוד העליון', אז אלע ניצוצות זאלן צוריקקומען צו זייער שורש, און עס זאל זיין 'להתוודע ולהיגלות כי הוא מלך על כל הארץ', אבער כאטש דער רצון וואס ער וויל, אז ער - וואס דאס רעכנט אריין זיינע ניצוצות - זאלן זיין דבוק און איינס מיטן לעבעדיגן באשעפער - ביי דעם האלט יעדער איד באיזה מצב שהוא.

# פרעה אין אונזער לעבן

**אברהם יצחק:** מורא'דיג, דאס טוישט מיין גאנצע בליק אויף יציאת מצרים! אבער איךווארט נאך אויף אן ענטפער אויף מיין שאלה: וואו טרעף איך זיך פערזענליך מיט דעם 'פרעה'?

**משפיע:** ווי גערעדט. יעדע זאך וואס איז פאראן אין וועלט, איז אויך דא אין 'שנה' און 'נפש'. דו האסט יעדן איינציגן טאג א 'פרעה' מיט א 'מצרים', און דערנאך פארשטייט זיך א יציאת מצרים! ווען א מענטש שטייט אויף צופרי און זעט נאר דעם טבע - איז ער אין 'מצרים'. ער זעט נאר די גשמיות'דיגע בריאה און געברויכן, ווי ער דארף עסן און שלאפן, זיך באזארגן אלע גשמיות'דיגע צרכים און שעבודים פון וואס ער קען זיך נישט באפרייען. דאס הייסט אז ער זעט נאר זיין אייגענע מציאות גשמית, אויב אזוי איז נאך זיין חלק אלוק ממעל אין 'מיצר'. פונקט ווי די כלליות'דיגע תכלית הבריאה איז געווען באגרעניצט אין 'מצרים', אזוי אויך איז דיין תכלית פרטית אין 'מצרים'.

די אמת'ע יציאת מצרים און גאולה איז ווען דיין הייליגע נשמה לעבט לויט איר תכלית אויף וואס זי איז געווארן אהערגעשיקט: צו מגלה זיין מציאות ה', זיך געפינען אין די וועלט און טראצדעם לעבן מיטן אמת'ן מציאות אז ס'איז נישטא קיין גשמיות און טבע אין דער וועלט, יעדע פעולה וואס מ'טוט איז נישט "וועגן" דעם טבע, נאר פארקערט: וויבאלד השי"ת האט געוואלט אז דו זאלסט עסן, האט ער באשאפן א טבע וואס מאכט דיר שפירן אז דו מוזט עסן... יעדער אטעם דיינס, איז נישט צוליב דעם טבע וואס פאדערט צו אטעמען, נאר וויבאלד השי"ת האט געוואלט דעם אטעם האט ער באשאפן אזא טבע. דאס איז פשט פון "על כל נשימה ונשימה תהלל קה", אז פון יעדן אטעם זאל ארויסקומען כבוד ה'.

לאמיר דיר געבן א ביישפיל וואס איז נאכנישט אקטועל ביי דיר, אבער זיכער ביסטו באקאנט דערמיט. ביליאנען מענטשן שטייען אויף יעדן צופרי מיינענדיג אז כדי צו האבן פרנסה דארפן זיי ארבעטן. זיי געפינען זיך אין 'מצרים', זיי זענען פארזינקען אין טבע. דער תכלית וואס השי"ת האט געוואלט מגלה זיין דורך יעדן איינעם פון אונז איז, אז ס'איז נישטא קיין טבע בעולם, אלעס איז ביד ה', פרנסה, געזונט און הצלחה, און די בריאה איז געשטעלט אונז צו באדינען, און אונז אזוי ארום ערמעגליכן דאס צו מגלה זיין. ביזדערווייל איז נאך דער תכלית אין גלות, אונטער פרעה'ס קאנטראל. ביסט נאך אין מצרים, און פרעה געוועלטיגט נאך אויף דיר.

## טעגליכע 'צען מכות'

**אברהם יצחק:** וויאזוי בין איך זיך מתגבר אויף דעם 'פרעה'? ווארשיינליך דארף מען א גוטע צען מכות צו מכניע זיין דעם קליפה...

**משפיע:** יעדן טאג דערלאנגסטו די מכות פאר פרעה! דיין פרטית'דיגע גאולה פון מצרים שבנפש ווערט דורך תפילה און קבלת עול מלכות שמים ביי קריאת שמע, ווען דו קלארסט זיך אויס און ביסט מגלה אז ה' אחד ושמו אחד, ס'איז נישטא קיין שום מציאות אויסער אים אליין און מיר האבן קיינעם און גארנישט אויסער אים - דאס איז די שטערקסטע 'מכה' פאר אלע רוחניות'דיגע קליפות מצרים. וואס מער א מענטש נעמט אריין די הכרה ביי זיך אין קאפ, גייט ער אלץ מער ארויס פון מצרים. איבערהויפט ווען מ'דערהערט עס בשעת'ן דאווענען, וואס דער דאווענען איז דער יסוד און אנהייב פון טאג און אזוי ווערט עס איינגעקריצט אין נפש פארן גאנצן טאג.

**אברהם יצחק:** אויב סיווי געשעט יציאת מצרים יעדן טאג, איז מיט וואס איז יו"ט פסח אזוי אייגנארטיג?

**משפיע:** ווייל פונקט ווי ס'איז דא יציאת מצרים אין 'עולם' און 'נפש', איז עס אויך פאראן אין 'שנה'. אזויווי כלל ישראל איז ארויס פון דעם 'מקום' וואס הייסט מצרים, און אזויווי יעדער 'נפש' גייט ארויס פון מצרים, אזוי אויך אין די הייליגע טעג פון פסח איז די יציאת מצרים אין 'שנה', אין צייט. ווען מצד דעם עצם 'זמן' גייען אלע נשמות ישראל ארויס פון זייערע 'מיצרים' און טבעיות'דיגע הסתרות, און מציאות ואחדות ה' ווערט נתגלה אין יעדע נשמה בישראל. די ספרים הק' לערנען אונז אז דער רמז דערויף שטייט אין מאמר חז"ל "בניסן עתידין להיגאל" (ראש השנה יא.), אז יעדן יאר שפילט זיך אפ א גאולה. פארשטייט זיך אז מיר דאווענען און קוקן אויס אז דאס יאר זאל מען שוין זוכה זיין צו די כלליות'דיגע גאולה במהרה בימינו אמן.

### פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**נשבע אני כחיי ראשי אז ס'איז נישטא קיין שום הסתרה, און אפילו א רשע גמור, דורך זיך מייגע זיין אסאך צייט, קען ער זיך עפענען גרויסע אורות אן קיין שיעור.**

הרה"ק רבינו הזקן (בעל שומר אמונים) זי"ע



# מאל זיך אויס מיין צורה

שוין דריי טעג וואס זיי ליגן אויסגעצויגן צווישן די הויכע שטעקעלעך ביים ברעג טייך, שמוציג און פארפלעקט, ציטערן פון שרעק און קעלט, און גייען שטאטעליך אויס פון הונגער.

זיי זענען אנטלאפן פון די בלוט דארשטיגע נאציס ימ"ש, אריין אינעם געדיכטן וואלד. די רוסישע קרעפטן מאכן פארשריט אין זייער ריכטונג, העכער זייערע קעפ זשומען די אליאירטע קריגס-פליגערס, און ליידיגן אויס זייער טויטליכע אינהאלט ווי א רעגן פון באמבעס. די ענדגילטיגע זיג איז נאנט, און מיט זייערע לעצטע כוחות פרואוון זיי איבערצולעבן, טרעפנדיג שוץ אין די ווילד-באוואקסענע גראז ביז די דייטשע חיה ווערט אט אט אנידערגעווארפן.

אבער דער הונגער. אין דעם לאגער פון וואו זיי זענען אנטלאפן האט מען כאטש טעגליך פארטיילט א מאגערע שטיקל קארטאפל. אבער דא איז אויך דאס נישטא.

איין טאג איז פארביי, א נאכט, דערנאך נאך א טאג, און נאך א נאכט. דער הונגער איז שוין נישט דורכצוטראגן, זיי קומען אלע אן צום זעלבן באשלוס: בעסער זיך איינצושטעלן מיט די דייטשן, ווי איידער דא אויסגיין פון הונגער....

צווישן די אנטלויפנדע אידן ציילט זיך הרה"ח רבי מרדכי דוד בלום ז"ל.

אויך ער ליגט גענצליך ערשעפט, און אויך ער מאכט זיך דעם חשבון אז ס'איז ענדערש ריכטיג אריינצוגיין אין א ספק סכנה מיט די נאציס, ווי דער זיכערער טויט דורך הונגער. ער וויל שיעור אויפהייבן זיין אויסגעמאגערטער גוף, ווען מיטאמאל זעט ער א געשטאלט פאר זיך.

ר' מרדכי דוד ציטערט אויף פון פחד. נישט קיין פחד פון טויט, נאך פון פחד ה'.

פאר זיינע אויגן שטייט זיין רבי, רבינו הזקן זי"ע בעל ה'שומר אמונים' (יארצייט ו' ניסן) - וועלכער האט נאך דעמאלסט געלעבט - זיין צורה פול מיט ליבשאפט, און ווייזט אים מיטן פינגער אויף ניין, ווי זאגנדיג: "טוה דאס נישט! פארלאז נישט דיין באהעלטעניש!".

ר' מרדכי דוד בלייבט. אלע זענען אוועקגעגאנגען, אויסער ער, בשעת ער פרובירט מיט זיינע לעצטע געבליבענע כוחות זיך צו דערהאלטן ביים לעבן.

די געשיכטע האט זיך שוין אנגעהויבן פינף יאר פריער.

תרצ"ט. דער אלטער רבי זי"ע גייט חתונה מאכן זיין איינציגסטע טאכטער מיט רבינו הקדוש זי"ע. כאטש וואס ס'האט אינגאנצן נישט אויסגעפעלט, האט ר' מרדכי דוד ערהאלטן א פערזענליכע איינלאדענונג פון רבינו הזקן זי"ע, צו א טייל נעמען ביי די גרויסע שמחה.

ווי א געטרייער תלמיד, האט ר' מרדכי דוד געמאכט די שווערע רייזע צו דער חתונה.

(אגב, ווען רבינו הזקן האט באמערקט אז ר' מרדכי דוד האט נישט מיטגעברענגט זיינע צווי זון, האט ער זיך אנגערופן: א שאד אז דו האסט נישט געברענגט דיינע קינדער! ווען יא, וואלט איך זיי ערצויגן אלס אייגענע קינדער". ביידע זון זענען אומגעקומען על קידוש ה'... הי"ד).

און דעמאלסט, האט אים דער אלטער רבי געזאגט: "געדענק! סיי ווען דו געפינסט זיך אין אן עת צרה, זאלסטו זיך אויסמאלן מיין צורה פאר זיך!".

די דיבורים האבן זיך געהערט זייער אינטערעסאנט ווערנדיג געזאגט, ווייל די ווערטער זענען געזאגט געווארן אין א צייט ווען דער צווייטער המן פון דייטשלאנד ימ"ש איז נאכנישט אריין אין קריג, איבערהויפט אין אונגארן וואו מ'האט נישט געחלומ'ט אז די צרות וועלן דערגרייכן אהין. אבער ווען די צרות האבן זיך אנגעהויבן, האט ר' מרדכי דוד געדענקט זיין רבינ'ס אנווייזונג און זיך יעדעס מאל מצייר געווען צורת קדשו.

יעצט האט זיך זיין רבי ווירקליך באוויזן פאר אים, און אים באפוילן צו בלייבן. ער איז געבליבן, כאטש ער פארשטייט נישט, כאטש ער הונגערט שוין דריי טעג.

מה עשה הקב"ה? ר' מרדכי דוד האט אנטפלעקט א צוקער קיינע צווישן די גראז, פון וואס ער האט אויסגעזויגן לעבן פאר נאך א טאג. ווען דייטשלאנד'ס פיינט, די רוסישע סאלדאטן האבן זיך באוויזן אויפן האריזאנט, האט ר' מרדכי דוד געוואוסט אז יעצט איז זיין צייט אפצוגעבן א הארציגן שבח והודאה צום איבערשטן וואס האט אים געראטעוועט.

וואס האט אים וויי געטון, איז ווען ער האט אויפאמאל געזען ווי זיינע אלע חברים וואס געגאנגען א טאג צוריק, ליגן ל"ע אויף דער ערד, אומגעקומען דורך די נאציס ימ"ש, הי"ד.

דאן האט ער דערהערט ווי זיין רבינ'ס צורה האט אים געראטעוועט פון טויט צו לעבן.

מקור: בנו הרה"ח ר' צבי אלימלך בלום שליט"א

# 'קושי השעבוד' ביי די הכנות צו פסח

## אין אזעלכע טעג זענען אידישע קינדער פארנומען מיט 'קשר"ק' - פארוואס מוז עס אזוי צוגיין? וואס טוט מען אויף דערמיט? האט עס עפעס דירעקט צו טון מיטן אור פון פסח?

## פארוואס פעלט אויס די שווערע ארבעט פאר פסח?

**'הכנות אויף פסח'**, געציילטע ווערטער וואס מיינע אסאך, זייער אסאך, ווי יעדער וואס האט א שטוב מיט קינדער איז באקאנט. געווענליך איז דאס א ענין וואס קומט באגלייט מיט אסאך ארבעט, מיה און פלאגעניש. סיי דער גרויסער עול און שוין אפגערעדט אויפן פיזישן פראנט, ווען מ'דארף שטיין איינגעבויגענערהייט און קראצן די ווענט אדער פריש אפשווענקען די געשיר. דערצו די כסדר'דיגע קשיא פון 'כסף מנלן', צו נאכלויפן די קאסטבארע געברויכן און הוצאות החג ב"ה. ביי אזא מצב איז גארנישט קיין זעלטנהייט פאר א מחשבה'לע דורכצולויפן ביי א מענטש: און דאס הייסט נאך 'חג החירות'....? האט מען דען נישט געקענט שטעלן דעם זעלבן, לעכטיגן יו"ט אויף א גרינגערן אופן?

בדרך הלצה פלעגן אידן אלץ זאגן, אז איידער ס'קומט דער יו"ט ווען מ'איז ארויס פון שעבוד מצרים, דארף מען אליינס שפירן דעם טעם פון 'שעבוד' און 'גלות' ביי זיך אינדערהיים און נאר דערנאך שפירן דעם 'חירות'... (ווי דאס לשון וואס דער הייליגער חתם סופר זי"ע שרייבט אין זיינע תשובות אורח חיים סי' קלז: "והיותי חוץ לחדר לימודי, כי גרשוני נשים צדקניות המכבדים ליום טוב של פסח"). אין אמת'ן אריין האט די גלייך-ווערטל אן אמת'ן מקום, ווייל בעומק איז עס טאקע אזוי: **קושי השעבוד איז די פאסיגע הכנה פאר די פנימיות'דיגע חירות צו וואס מ'איז זוכה אום יו"ט פסח,** גארנישט אנדערש ווי די דעמאלטסדיגע קושי השעבוד וואס האט פארפריערט די גאולה פון מצרים.

**לאמיר זיך אפשטעלן און פארשטיין פשט אין דעם ענין:** די קושי השעבוד אין מצרים איז טאקע געווען אומדערטרעגליך און לאנג, אבער ס'איז אינאמת'ן נישט אנגעאנגען פאר די גאנצע אורך פון גלות מצרים, ווי מבואר אין חז"ל (תנחומא שמות ד), אז די פיר הונדערט יאר פון גלות מצרים האט זיך נאך אנגעהויבן ווי נאר יצחק איז געבוירן געווארן, היות די הבטחה פון "בארץ לא להם", וואס מיינט אז אברהם אבינו'ס קינדער און אייניקלעך וועלן נישט וואוינען אין זייער אייגן לאנד, האט שוין אנגעהויבן צו פארווירקליכט ווערן ביי יצחק אבינו, וועלכער האט געוואוינט אין ארץ כנען וואס האט נאכנישט געהערט צו כלל ישראל. כאטש יצחק האט ניטאמאל געוואוינט אין מצרים, שוין אפגערעדט נישט געליטן פונעם קושי השעבוד, אבער וויבאלד ער האט פארט נישט געוואוינט אויף זיין אייגענעם באדן איז דאס געווען פאררעכנט אלס טייל פון גלות מצרים.

לויט דעם קומט אויס אז דער עיקר גלות איז לאו דווקא פייניגונגען, מוטשענישן און קנעכטשאפט, נאר אויך ווען א מענטש איז פארוואגלט פון זיין נאטורליכע וואוין-ארט. ווען א מענטש געפינט זיך אין אזא ווייטאגליכע צושטאנד, וועלן אים אפילו די קנאקעדיגסטע עררייכונגען און הצלחות נישט צושטעלן דאס וואס וואוינען 'בארץ להם' געבט פאר א מענטש, אזויווי מיר זען אין די פסוקים, אז יצחק אבינו האט דווקא דעמאלטס דערגרייכט היבש הויכע און אפילו איבערגעטריבענע הצלחות. פאר אביסל קערנדלעך וואס ער האט איינגעזייט, האט די פעלד ארויסגעגעבן הונדערט מאל אזויפיל, אזוי ווייט ווי חז"ל דערציילן אונז אז דער עולם האט איבערגעשאצט 'זבל פרדותיו' פון יצחק אבינו מער ווי דאס גאנצע גאלד און זילבער פון אבימלך מלך פלשתים. (און אפילו לויט דער צווייטער שיטה וואס חז"ל ברענגען אראפ, אז די קושי השעבוד האט משלים געווען די פארבליבענע יארן פון גלות מצרים, און נישט אז מ'רעכנט פיר הונדערט יאר זינט יצחק אבינו איז געבוירן געווארן, פאלט נאכנישט אוועק די אויבנדערמאנטע קשיא. ווייל פון דעם אליין זעט מען אז די אייגנטליכע 'גלות' באשטייט נישט דווקא פון קושי און מיטמאכעניש, נאר פארקערט, די קושי און צער הגלות האט געמאכט אז די צאל יארן פון 'גלות' זאל פארקלענערט ווערן און גיכער נשלם ווערן).

נאכן דאס פארשטיין קומען מיר ערשט אן צו די שאלה, **וואס איז טאקע דער עומק און משמעות פון "ועבדום ועינו אותם"?** פארוואס האט השי"ת אנגעברענגט אזויפיל יסורים און פיין, קושי און איבערברעכנדע ארבעט וואס כלל ישראל האט זיך אנגעליטן דורכאויס די יארן אין גלות מצרים, בשעת דער 'גלות' פאר זיך טוט דאס בכלל נישט פארלאנגען? איבערהויפט אז אלס תוצאה פון זייער שעבוד מצרים, ווערן אויך מיר דעריאגט מיט הויפנס ארבעט און פלאג ביים אויסראמען די חמץ...

## אויסלייזן די תורה פון מצרים

> **מיט דעם טוען מיר מתקן זיין אונזערע גופים צו זיין גרייט און געאייגנט צו מקבל זיין דעם הייליגן אור פון גאולת מצרים**

אבער נאכן דערהערן די פנימיות הענין פון 'שעבוד' און 'גלות', וועלן אלע קשיות אליינס אוועקפאלן און גאר צוגעבן צום שַיין.

דורכאויס די פרשיות פון יציאת מצרים, טוט דער הייליגער ספר 'מאור עינים' ברייט אויסשמועסן אז דער עיקר ענין פון 'יציאת מצרים' איז געווען **אויסצולייזן די תורה פון גלות.** די תורה אליינס האט זיך געפינען אין גלות, און דער איינציגסטער וועג איר ארויסצוזען פון דארט איז געווען, אז נשמות ישראל וועלן אהינגיין און איר באפרייען פון געפענגעניש. **און וויאזוי?** דער ענין פון 'גאולת התורה' ווערט דורך דעם עצם פאקט אז אידישע קינדער געפינען זיך אין א מקום גלות, אונטער פרעה'ס הערשאפט אין א לאנד וואס איז נישט זייערס. דורך זייער עצם אנוועזנהייט אין מצרים האט זיך געשאפן די פעולה אז די תורה איז נתדבק געווארן אין זייער נשמה, און דורכ'ן ארויסגיין פון מצרים איז די תורה הק' ארויסגעגאנגען צוזאמען מיט זיי. **הייסט אזוי:** בלויז כדי ארויסצונעמען די תורה הק' פון מצרים, איז ווערד געווען די גאנצע פרשה פונעם גלות פון כלל ישראל אין מצרים.

## מזכך זיין 'כלים' פארן אריינעמען דעם 'אור'

**אבער צו דעם אלעם דארף די תורה אויך האבן לבושים.** מ'קען נישט אנכאפן די תורה אן קיין לבוש און כלי, פונקט ווי ס'איז אוממעגליך אנצוכאפן פייער אן זיך פארברענען די הענט. און וואס איז אט דער 'לבוש'? אידישע גופים וואס זענען אויסגעלייטערט און ראוי צו מקבל זיין די תורה אין זיך - דאס איז די צוגעפאסטע 'לבוש' פאר די תורה. ווייל ווילאנג דער גוף איז נישט מזוכך, דאן אפילו אויב די תורה וועט ארויסגיין פון גלות, וועט נישט זיין קיין שום וועג און מציאות עס 'אנצוכאפן', עס צו משיג זיין און אריינעמען אין זיך, עס וועט נישט זיין ווער ס'זאל מקבל זיין די תורה אז זי זאל טאקע קענען זיך געפינען אויף דער וועלט אויפן ריכטיגן אופן.

אויף דעם קומט דער המשך הפסוק און זאגט "ועבדום ועינו אותם", וואס באציעט זיך צו די צער און יסורים, די 'קושי השעבוד' וואס אידן האבן דורכגעמאכט אין מצרים, בלויז מיטן ציל צו מזכך זיין זייער גוף. יעדער שוועריקייט און מיטמאכעניש וואס קומט אויף א מענטש, איז בלויז פאר איין ציל: אים צו מזכך זיין, אים אויסצולייטערן און מתקן זיין אלס א פאסיגע כלי צו ענטהאלט די הייליגע תורה אין זיך. כאטש מצד דעם עצם מציאות פון ענין הגלות וואלטן אידן נאכנישט געמוזט דורכגיין די עבודת פרך אין פיתום און רעמסס, אבער מצד דאס אז זייער נשמות האבן זיך געניוויטיגט אין א גוף וואס איז מזוכך און דערהויבן (ווי מבואר אין אריז"ל, אז די אידן וואס זענען נשתעבד געווארן אין מצרים, זענען געווען די נשמות וואס האבן פוגם געווען ביים חטא פון אדם הראשון, דור המבול און דור ההפלגה) - האט געמוזט געשען נאך א שטאפל אין גלות מצרים, דאס איז דער ענין פון צער און שוועריקייטן.

דער הייליגער 'מאור עינים' (פרשת בא, ד"ה איתא בזוהר) ברענגט דאס ארויס מיט גאלדענע דיבורים: **אִיתָא בְּתִקּוּנֵי זֹהַר: "וַיְּעַבִידוּ מִצְרַיִם בַּחֹמֶר דָּא קַל וָחֹמֶר, וּבַלְּבֵנִים דָּא לִבּוּן הִלְכְתָא"... רָצָה לוֹמַר, שֶׁהָיָה הַכֹּל בְּגָלוּת בְּמִצְרַיִם, וּבְשִׁעְבּוּדָם הוֹצִיאוּ אֶת הַדַּעַת שֶׁהוּא הַתּוֹרָה מֵהַגָּלוּת, וּכְשֶׁעָבְדוּ בַּחֹמֶר הוֹצִיאוּ אֶת הַקַּל וָחֹמֶר מֵהַגָּלוּת, וְכֵן בִּשְׁאָר כָּל הָעֲבוֹדוֹת כָּאָמוּר...**

**קומט אויס:** בשעת די אידן האבן געשוויצט מיט 'חומר און לבנים', האבן זיי זוכה געווען צו פארוואנדלט ווערן אין לבושים וואס זענען ראוי צו מקבל זיין די תורה, און נאר דורכדעם האט די תורה הק' געקענט ארויסגיין צוזאמען מיט זיי פון די מצריי'שע געפענגעניש. יעצט פארשטייט מען דעם המשך פון 'מאור עינים', וועלכער איז ממשיך צו ערקלערן דאס ווארט "בא אל פרעה", אז די אות א' אין די תורה איז כולה רוחניות וואס מ'קען נישט משיג זיין אן דעם וואס ס'זאל נתלבש ווערן אין לבושים. מיינענדיג צו זאגן, אז דייקא דורכ'ן מכין זיין די גופים פון כלל ישראל בחומר ובלבנים, זענען זיי געווארן כלים און לבושים דורך וואס מ'האט געקענט משיג זיין אויך אזא תורה וואס געווענליך לאזט זיך נישט באגרייפן אן נתלבש ווערן אין כלים. קוק אריין אינעווייניג בדבריו הקדושים ותמצא נחת.

**דאס איז די עבודה פון כלל ישראל ביים אויסהארעווען די גוף און נפש ביי די הכנות צום יו"ט פסח.** ווייל מיט דעם טוען מיר מתקן זיין אונזערע גופים צו זיין גרייט און געאייגנט צו מקבל זיין דעם הייליגן אור פון גאולת מצרים, געוני ווי דער סניגורן של ישראל פון בארדיטשוב זי"ע האט מליץ טוב געווען, אז דורכדעם וואס אידישע קינדער קראצן און רייבן די ווענט פון זייער הויז, ווערט געשאפן דער ענין פון קשר"ק ביי די תקיעות (וואס דער ענין פון 'תקיעות' איז ווי באקאנט, כדי אונז צו מעורר זיין פון די שינת הזמן, זיך צו משעבד זיין צום אויבערשטן). ווייל אט די 'קושי השעבוד' איז בכח אונז צו ערוועקן און אפשטעלן פונעם שינת הזמן, ארויפצוקוקן צום הימל און משעבד זיין אונזערע הערצער צום טאטן אין הימל, און נאר דעמאלטס וועלן מיר בעז"ה זוכה זיין צום אור הגאולה מיט ריכטיגע כלים, און דאס יאר בעז"ה צו די גאנצע גאולה, אמן.

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, אזוי אויף אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין בארא פארק: 347.520.8743
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483